# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### דער כח פון 'פה' באלאנגט נאר פאר אידן

**"וַתֵּרֶא הָאָתוֹן אֶת מַלְאַךְ ה' נִצָּב בַּדֶּרֶךְ וְחַרְבּוֹ שְׁלוּפָה בְּיָדוֹ"** (כב כג)

"אמר [מלאך ה']: רשע זה הניח כלי אומנותו - שכלי זיינן של אומות העולם בחרב, והוא בא עליהם בפיו - שהוא אומנות שלהם. אף אני אתפוש את שלו [החרב] ואבוא עליו באומנותו" (רש"י, ע"פ במ"ר כ יג).

שרייבט אויף דעם **רבי שבתי משורר** אז די מדרש איז מרומז אין פסוק: די ווארט "שְׁלוּפָה" שטייט מלא, נישט אזוי ווי עס שטייט שפעטער (פס' לא): "שְׁלֻפָה" - אן א וא"ו, פון דא זען מיר אז דער מלאך האט מרמז געווען פאר בלעם: 'שֶׁלּוֹ-פֶּה' - דער כח פון 'פה' באלאנגט פאר יעקב, און דו האסט נישט רשות זיך באנוצן מיט דעם אקעגן אים.

'שפתי חכמים'

### כדי אויפשטיין ווי א איד דארף מען גיין שלאפן ווי א איד

**"הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא לֹא יִשְׁכַּב עַד יֹאכַל טֶרֶף"** (כג כד)

דער **'בית יוסף'** הייבט אן די 'שולחן ערוך' מיט די ווערטער: "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו", און דער **רמ"א** לייגט צו אויף דעם: "ובשכבו על משכבו ידע לפני מי הוא שוכב". פרעגט **רבי מאיר'ל פרעמישלאנער**: דער 'שולחן ערוך' רעדט פון אויפשטיין אינדערפריה, און וואס איז דאס פארבינדן מיט די ווערטער פון רמ"א וואס רעדט וועגן זיך לייגן שלאפן? נאר, דער רמ"א וויל אונז געבן א גוטע עצה צו קענען אויספירן די הוראה פונעם מחבר: "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו" - אז שוין ביים זיך לייגן זאל ער וויסן 'לפני מי הוא שוכב'.

מיט דעם טייטש **רבי יוסף אריה פיש** אב"ד האדאד די פאלגנדע פסוקים: וויאזוי זענען די אידן זוכה עס זאל מקויים ווערן ביי זיי: "הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא", דורך דעם וואס זיי זענען מקיים: "לֹא יִשְׁכַּב עַד יֹאכַל טֶרֶף", און ווי רש"י טייטש: "כיצד? קורא את שמע על מטתו ומפקיד רוחו ביד המקום", ווייל נאר דער וואס: "בשכבו על מיטתו ידע לפי מי הוא שוכב", איז זוכה זיך צו שטארקן אינדערפריה ווי א לייב.

'דברי מאיר' לקוטים; 'דברי יוסף'

### די בית המדרש פון יעקב - אין אונזערע צייטן

**"מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל"** (כד ה)

"כַּמָּה יָאוָון הִינוּן בָּתֵּי מֶדְרָשֵׁיכוֹן בְּמַשְׁכְּנָא דִּי שַׁמֵּשׁ בְּהוֹן יַעֲקֹב אֲבוּכוֹן" [ווי שיין זענען די שולן וואו ענקער פאטער יעקב האט דארט געלערנט] (תרגום יונתן); "מַה טָבִין הִינוּן מַשְׁכְּנִין דְּצַלִּי בְהוֹן יַעֲקֹב אֲבוּהוֹן" [ווי גוט זענען די געצעלטן וואו ענקער פאטער יעקב האט דארט געדאוונט] (תרגום ירושלמי).

פון דעם וואס בלעם האט משבח געווען דוקא די שול וואו יעקב אבינו האט דארט געדאוונט, האט **רבי ישכר דב באב"ד** דער בוסקער רב ארויסגעלערנט א מקור אויף די מעלה צו דאווענען אין אזא פלאץ וואו א ערליכער איד האט דארט אמאל געדאוונט.

אבער, **רבי משה שמואל שפירא** ראש ישיבת באר יעקב האט זיך געוואונדערט: האט דען יעקב געלערנט און געדאוונט אין די געצעלטן וואס די אידן האבן געהאט אין מדבר, ער האט דאך געלערנט און געדאוונט אין די בית המדרש פון שם ועבר?

ענטפערט ער: בלעם'ס ווערטער גייען ארויף אויף אלע שולן, ווייל די תורה און די תפילה וואס מיר האבן איז בירושה פון יעקב אבינו, דעריבער ווערן די שולן אנגערופן אויף זיין נאמען, און דורך זיין זכות זענען מיר זוכה ביזן היינטיגן טאג אז די תפילות ווערן אנגענומען און מיר פארשטיין די תורה.

'אוצר י"ד החיים' כללים ערך בית הכנסת; 'זהב משבא'

### 'כארי יתנשא' אין זכות פון 'אמן'

**"הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא"** (כג כד)

זאגט דער פריערדיגער מגיד **רבי יעקב די אלבה**:

"הֶן עָם כְּלָבִיא" - די סופי תיבות זענען: 'אמן'. א רמז אויף ענטפערן אמן אין ענדע פון יעדע ברכה. "יָקוּם" איז אותיות 'ק' יום'. א רמז אויף די מאה ברכות וואס מ'איז מקפיד צו זאגן יעדן טאג. און אזוי האט בלעם געזאגט פאר בלק: איך קען נישט שעדיגן די אידן מיט מיין קללה, ווייל זיי שטארקן זיך אקעגן מיר ווי א לייב אין זכות וואס זיי זענען מקפיד צו ענטפערן אמן און זאגן מאה ברכות, אזוי ווי עס ווערט גע'דרש'נט אין 'תנא דבי אליהו' (רבא י) אויפן פסוק (שופטים ה ב): "בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'" - "במי נפרע להם הקדוש ברוך הוא לישראל מאומות העולם? בבני אדם שמשכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן ומברכים את הקדוש ברוך הוא..."

'תולדות יעקב' [ווענציע שס"ט]

לויט דעם האט דער פארזיצער פון 'בני אמונים' **רבי יעקב דב מארמארשטיין** געטייטש די ווערטער פון רש"י אויף דער פסוק: "כשהן עומדים משנתם שחרית, הן מתגברין כלביא וכארי לחטוף את המצות...", לכאורה, דער לשון 'לחטוף' דארף א ערקלערונג - צי דען טוט מען די מצוות אפגעכאפטערהייט?

אבער לויט די ווערטער פון הר"י די אלבה, אז דער פסוק איז מרמז אויף ענטפערן אמן, קען מען טייטשן אז די כוונה פון רש"י איז אויף די מצוה פון ענטפערן אמן, אז קומענדיג אין שול דארף דער מענטש אויסנוצן יעדע מינוט כדי אריינכאפן נאך און נאך 'אמנים', און דורך דעם זיין אין די בחי' פון 'שומר אמונים' - ווארטן אויף יעדע 'אמן' און 'אמן'.

### לויט די זמן וואס מ'האט אנגעהויבן דאווענען

**"נְאֻם שֹׁמֵעַ אִמְרֵי אֵ-ל וְיֹדֵעַ דַּעַת עֶלְיוֹן"** (כד טז)

רש"י ברענגט אויף דעם פסוק וואס די גמרא זאגט (ברכות ז א) אז בלעם האט געקענט אויסרעכענען ווען איז די צייט וואס הקדוש ברוך הוא איז בכעס, און אין יענע צייט האט ער זיי געוואלט שעלטן, כדי זיין קללה זאל חל זיין. אין גמרא דארט שטייט אז די צייט פון 'רגע' איז 'כמימריה', ד.מ. וויפיל צייט עס געדויערט זאגן די ווארט 'רגע'. און תוספות פרעגט (ד"ה שאלמלי) וואספארא קללה וואלט בלעם געקענט זאגן אין אזא קורצע צייט? ענטפערן זיי, ער וואלט געקענט זאגן: "כַּלֵּם!". נאך ענטפערן זיי: וויבאלד ער האט אנגעהויבן שעלטן אין יענע סקונדע, וואלט מקויים געווארן אויך וואס ער זאגט נאכדעם.

דער **יהודי הקדוש פון פשיסחא** איז מוסיף, אז 'מדה טובה מרובה', דער כלל איז אויך פאסיג וועגן דאווענען: דער וואס הייבט אן דאווענען בעפאר סוף זמן תפילה, ווערט זיין תפילה אנגענומען ווי די גאנצע תפילה וואלט געווען בזמנה, אויך אויב ער האט געענדיגט דאווענען נאך סוף זמן תפילה (אזוי איז אויך גע'פסק'נט אין 'ערוך השולחן' או"ח קי ה).

שו"ת 'ארץ צבי' ח"א סי' קכא

### די 'טהורים' זענען נישט טמא געווארן פון די 'טמאים'

**"וַיָּבֹא אַחַר אִישׁ יִשְׂרָאֵל אֶל הַקֻּבָּה וַיִּדְקֹר אֶת שְׁנֵיהֶם"** (כה ח)

אין תרגום יונתן איז אויסגערעכנט צוועלף נסים וואס זענען געשען פאר פינחס ווען ער האט מקנא געווען קנאת ה', איינס פון זיי איז געווען אז זמרי און כזבי זענען געשטארבן נאר נאך וואס פינחס הכהן האט זיי אראפגעלייגט, כדי ער זאל נישט טמא ווערן טומאת מת.

לויט די ווערטער טייטש **רבי יוסף חיים זאנענפעלד** דעם נוסח פון 'על הנסים' וואס מ'זאגט אין די חנוכה טעג: "מסרת גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים וטמאים ביד טהורים". לכאורה קען מען פרעגן, וואס איז דער נס אז די טמאים זענען איבערגעגעבן געווארן אין די האנט פון די טהורים, צי ווייל זיי זענען טמאים זענען זיי דען שטערקער פון די טהורים? אבער לויט ווי עס פריער געזאגט געווארן, קען מען ערקלערן אז דער נס איז געווען אז די יוונים "טמאים" זענען גע'הרג'עט געווארן "ביד" פון די חשמונאים, און פון דעסוועגן זענען זיי געבליבן "טהורים" צו קענען טון די עבודה אין בית המקדש, ווייל זיי זענען געשטארבן נאר נאכן זיי אראפלייגן.

קובץ 'קול התורה' חוברת עג עמ' כד


די ערשטע הלכה אין שולחן ערוך: **"יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו"**, איז געבויעט אויף דער פסוק וואס מיר ליינען אין אונזער פרשה (במדבר כג כד): "הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא".

**טייערער איד!**

**יעצט איז די צייט זיך מחזק זיין אין די מצוה פון "יתגבר כארי", קומען פריה אין שול און זוכה זיין צו אסאך מצוות און דאווענען לויט די הלכה און מיט כוונה.**



'בני אמונים' - מיר שטייען אויף פריה צו ברכות השחר.



# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## די ברכה 'אלקי נשמה' (א)

### די 'נשמה' א מתנה

די תורה שילדערט וויאזוי דער מענטש איז באשאפן געווארן (בראשית ב ז): אין אנהויב האט דער אייבערשטער באשאפן די קערפער - "עָפָר מִן הָאֲדָמָה", און ווען דער קערפער איז פארענדיגט געווארן מיט זיינע גלידער און אדערן, האט ער אריינגעבלאזן אין דעם א נשמה, אזוי ווי עס שטייט: "וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים", און דעמאלטס: "וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה".

לויט דעם אויבנדערמאנטן סדר לויבן מיר אין די ברכות השחר; נאך וואס מיר האבן געלויבט דעם באשעפער ביי די ברכה 'אֲשֶׁר יָצַר' אויף די וואונדערליכע קערפער וואס ער האט אונז געשאנקען, דארפן מיר לויבן אויפן עיקר - אויף דעם וואס ער האט צוריק געגעבן אין אונזער קערפער די נשמה טהורה, וואס לעבט אויף אונזער קערפער און ערמעגליכט אונז צו מקיים זיין די תורה און מצוות, און דורך דעם זענען מיר זוכה זיך מדבק זיין אין די שכינה ('דרכי משה' או"ח ו ב).

די לויב איז ספעציעל חשוב בעפאר מיר וועלן זיך שטעלן דאווענען, ווייל אין דעם ליגט א דערמאנונג אז די ציל אויף וואס מיר האבן באקומען א נשמה איז כדי מיר זאלן זיך קענען מחזק זיין אין עבודת ה' יתברך - וואס א גרויסער טייל פון דעם איז תפלה ('שפתי כהן' עה"ת, דברים ד ו).

די עיקר תקנה פון זאגן די ברכה 'אלקי נשמה' איז ווי א לויב אויף דעם וואס דער אייבערשטער געבט אונז צוריק די נשמה יעדן אינדערפריה אויף נאך א טאג פון עבודת ה', דערנאך וואס די נשמה איז געווען ביינאכט אין הימל אפגעבן א דין וחשבון פארן אייבערשטן (לבוש או"ח מו ב). אבער אין אמת'ן, לויבן מיר אין די ברכה אויך אויף די עצם נשמה וואס איז אונז געגעבן געווארן ווען מיר זענען באשאפן געווארן, וואס דאס איז דער רוחניות'דיגער כח וואס ברענגט אונז צו צו עבודת ה'. די נשמה איז אזוי ווי א לאנגער שטריק וואס ציט זיך פון די עולמות העליונים ביז דער וועלט, די שפיץ איז אין השי"ת'ס האנט און די עק איז אין דער קערפער פון דער מענטש, און דורך דעם קען דער מענטש זיך שטענדיג מקשר זיין צו די קדושה ('ראשית חכמה' אהבה ג; 'עולת תמיד' פרק ז).

### די נשמה און דער גוף

ווייל דער ציל פון דעם מענטש'ס אראפ קומען אויף דער וועלט איז צו טון די רצון פון אייבערשטן, איז וויכטיג מיר זאלן געדענקען ווי וויכטיג איז די אויפגאבע פון די נשמה זי זאל אנקומען צו דער ציל, ווייל אן איר וואלט דאך די קערפער געצויגן צו נארישע תאוות, און מיר וואלטן קיינמאל נישט דערגרייכט דער ציל פון אונזער באשאפן ווערן, אזוי ווי דער 'חפץ חיים' האט עס ערקלערט מיט זיין וואונדערליכער משל:

א בעל עגלה האט געהאט אין זיין באנוץ א שטארקער פערד וואס צענדליגער יארן האט ער אים ערליך געדינט. צוזאמען זענען זיי ארום געפארן צו די גרויסע שטאט און צוריק, אמאל אויך עטליכע מאל אין איין טאג, ווען זיי פירן אין זייער וואגן רייזנדע און אויך סחורה.

זייער אסאך מאל האט דער פערד געמאכט די וועג ביז ער איז געווארן ווי א 'געלערנטער' אין דעם. אן צו דארפן צוקומען צו ספעציעלע אנווייזונגען האט ער געמאכט די וועג זייער שנעל, ער האט זיך אפגעשטעלט ווי מ'דארפט זיך אפשטעלן, און געפירט די רייזנדע מיט א רוהיגקייט צו וואו זיי האבן געדארפט.

דאס איז געווען אינדערפריה אינמיטן א געוועונליכע רייזע, נאך א לאנגע נאכט אן צו כאפן א דרימל האט דער בעל עגלה געפילט וויאזוי זיינע אויגן פארמאכן זיך. געוועונליך פלעגט ער איידערלערהייט בעטן פון די רייזנדע זיי זאלן מסכים זיין ער זאל כאפן א דרימל פון ארום א האלבע שעה אין די זייט, אבער אין דעם טאג האט ער זיך זייער געאיילט, איז אים איינגעפאלן א נארישע געדאנק: מיין געטרייע פערדל קען דאך אליין די וועג, וואס וועט שוין פאסירן אז איך וועל כאפן א דרימל אויף מיין פלאץ און איך וועל אים אליין לאזן פירן די וואגן?!

געזאגט און געטוהן. עס איז נישט אדורך איין מינוט, דער בעל עגלה איז אנטשלאפן געווארן ווען די וואגן איז ווייטער געפארן. אין אנהויב איז אלעס געווען אין ארדענונג, אבער נאך עטליכע מינוט האט די וואגן זיך אנגעהויבן ווארפן ווילדערהייט, און נאך בעפאר דער בעל עגלה האט אנגעיאגט כאפן וואס עס גייט דא פאר, איז די וואגן שוין געווען איבערגעדרייט מיט אירע רייזנדע און די פעקלעך.

אויף א שווערן אופן האט דער בעל עגלה זיך געלערנט, כאטש דער פערד איז קלוג און פארשטענדליך, דאך בלייבט ער 'א פערד', און ווען ער האט באמערקט די גראז וואס וואקסט אויף די זייט פון די וועג, איז ער דארט צוגעפארן אויך ווען ער האט געפילט אז ער פארט נישט אויפן ריכטיגן וועג.

אויך אונזער קערפער איז ווי יענע 'קלוגע' פערד: יעדע סקונדע וויל ער אוועק גיין פון די ריכטיגע וועג און נאכלויפן די נארישע תאוות, ווען נישט די איינציגסטע זאך וואס האלט איר אפ, דאס איז די נשמה וואס איז א חלק אלו-ה ממעל וואלט ער אינגאנצן איינגעזינקען געווארן. וויפיל דארפן מיר לויבן אויף דעם וואס ער האט אונז געגעבן אזא טייערע מתנה ('טללי אורות' תפילה ח"א עמ' סו).

### טהורה היא

אין אנהייב די ברכה טון מיר באטאנען אז די נשמה איז 'טהורה'. אויף די געוואלדיגע קדושה און טהרה פון די נשמה לערנען מיר פון די ווערטער פון חז"ל (ברכות י א): "אזוי ווי דער אויבישטער איז אין דער גאנצער וועלט - אזוי אויך איז די נשמה אין דעם גאנצן קערפער; אזוי ווי דער אויבישטער איז א רואה ואינו נראה - אזוי אויך די נשמה זעהט און ווערט נישט געזעהן; אזוי ווי דער אויבישטער שפייזט די גאנצע וועלט - אזוי אויך שפייזט די נשמה דעם גאנצן קערפער; אזוי ווי דער אויבישטער איז טהור - אזוי אויך איז די נשמה טהור; אזוי ווי דער אייבישטער געפונט זיך אינעווייניג בחדרי חדרים - אזוי אויך די נשמה געפינט זיך אינעווייניג; זאל קומען דער מענטש וואס האט די פינף זאכן און לויבן דעם אייבערשטן וואס האט די פינף זאכן".

אין די נוסח הברכה באצייכענען מיר אויף די נשמה 'טְהוֹרָה הִיא' - אויך אין איר יעצטיגן מצב, טראץ זי געפונט זיך אין אזא גשמיות'דיגער קערפער, דאך בלייבט זי טהור (פירושי סידור תפילה לרוקח'). און אויך אויב זי איז ארומגענומען מיט שלייער'ס פון שמוץ צוליב די זינד, דאך, אונטער אלע צודעקן "טהורה היא", און דעריבער קענען מיר שטענדיג צוריק ריין ווערן דורך די הייליגע נשמה (זעה אין אור החיים ויקרא כג טו). אבער עס זענען דא וואס שרייבן מ'זאל נישט זאגן 'טהורה היא' נאר 'טהורה', ווייל לויט די מקובלים ('שער הכונות' ברכות השחר אות יב) דארף זיין אין די ברכה פונקט 47 ווערטער, און אויב מ'וועט זאגן 'היא' וועט זיין 48 ווערטער ('שלמי ציבור' אות מו). און נאך, מיר ווילן נישט זאגן אז 'טהורה היא' אויך נאכן זינדיגן, נאר זי איז געווען טהורה ווען מיר האבן עס באקומען ('קשר גודל' [לחיד"א] סי' ה אות ח).

דאס וואס מיר ווייסן אז הקב"ה האט אין אונז אריינגעלייגט א נשמה טהורה דערהייבט אונז, אבער עס איז אויך מחייב: אויב די נשמה וואס איז אין אונז, און געבט אונז די חיות, איז א חלק אלו-ה ממעל און איז טהור, ליגט דאך אויף אונז א חוב עס אפהיטן בטהרה און זיך באנוצן מיט איר גרעניצלאזע כח צו דינען דעם אייבערשטן בטהרה, און נישט חלילה פעלטשעווען אין די פקדון וואס מיר האבן באקומען ('נפש שמשון' תפילה עמ' צ).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## איין 'אמן' וואס האט אראפגעוואויגן דעם וואגשאל

די פאלגנדע ספעציעלע ערציילונג האט פאסירט פאר עטליכע יאר, אין ראם פון א פראכטפולע 'שבת התאחדות' וואס מ'האט צוגעגרייט פאר גרויסע פילאנטראפן וואס שטיצן מיט גרויסע געלטער איינס פון די באקאנטע תורה צענטערן אין ארץ הקודש.

אנגרייטן אזא 'שבת' איז פארבינדן מיט איינשטעקן אסאך געלט, מי און פלאג. כדי ארויסנעמען דאס מערסטע וואס מ'קען פון אזא זעלטענע שבת, פעלט אויס מ'זאל פון פריער טראכטן און אויספלאנירן יעדן פרט און פרט. אבער די גאנצע הארעוואניע און פלאגעניש לוינט זיך כדי צו שענקען, כאטש איין מאל אין א יאר, א ספעציעלע שעצונג פאר די פילאנטראפן וואס שטיצן שטענדיג פון זייער פארמעגן די פארצווייגטע מוסדות. אויסער דעם, געוועונליך זעהט מען שפעטער אז עס האט זיך געלוינט אינוועסטירן, ווען די הערצער פון די אנוועזנדע עפענען זיך און די מערהייט פון זיי פארגרעסערן זייער חודש'ליכע שטיצע.

די שבת'דיגע סעודות זענען אפגעראכטן געווארן מיט די גרעסטע מאס שיינקייט און טייערקייט, ווען אינמיטן זענען געהערט געווארן אינהאלטספולע דרשות פון די בעסטע רעדנער'ס. אויך די תפילות זענען פארגעקומען אין א ספעציעלן פארעם, א צוזאמענשטעל פון שטיקלעך חזנות, אין א ספעציעלן אטמאספער.

שבת אינדערפריה, ווען מ'האט געענדיגט דאווענען שחרית, פארן ארויסנעמען די ספר תורה פון ארון קודש, האט דער גבאי געגעבן א קלאפ אויף די בימה, און האט אויסגערופן אז ער גייט פארקויפן די אלע עליות און כיבודים פאר די וואס וועלן הייבן די פרייז, ווען די אלע געלטער זענען געווידמעט צו קענען פארברייטערן די אלע אקטיוויטעטן פון די הייליגע מוסדות.

"טויזנט דאללער - כהן" - האט דער גבאי אויסגערופן, און עס האט זיך אנגעהויבן א פארמעסט. די עליה איז אין ענדע פארקויפט געווארן פאר ארום זעקס טויזנט דאללער, אבער פון איין עליה ביז די קומענדיגע עליה זענען די פרייזן געשטיגן מער און מער, ווען די גרויסע עשירים קאנקורירן צווישן זיך אויף די מער מכובד'יגע עליות.

צוביסלעך זענען פארקויפט געווארן די אלע כיבודים, און צום סוף איז איבערגעבליבן די לעצטע עליה. אויף די עליה איז פארגעקומען א ערנסטע פארמעסט. די מנהלי המוסדות האבן פון זייער זייט געוואלט עס פארקויפן אויף די גרעסטע סומע וואס איז נאר מעגליך, ווייל די אלע געלטער איז דאך געווען געווידמעט צו קענען אויפהאלטן די מוסדות, אויך די באטייליגטע פון זייער זייט האבן געוואלט זוכה זיין אין די עליה, צי כדי זיך קענען שטאלצירן מיט דעם, צי כדי צו קענען זיין פון די וואס אויף זיי איז געזאגט געווארן: "אחרון אחרון חביב".

דער גבאי האט אנגעהויבן די אויספארקויף, און זייער שנעל איז די פרייז געשטיגן. און לויט וואס די פרייז איז ארויף, זענען פארוויינגערט געווארן די וואס האבן זיך געטון פארמעסטן, און אין ענדע זענען איבערגעבליבן צוויי מענטשן; דער ערשטער האט אויסגערופן: "פיר און צוואנציג טויזנט דאללער", און דער עולם האט צוגעקוקט פון דער זייט מיט א איינגעהאלטענעם אטעם - וועט ער טאקע זוכה זיין אין די עליה? אבער נאך עטליכע סקונדעס וואס האבן אויסגעזען ווי אייביג האט דער אנדערער זיך אנגערופן: "פינף און צוואנציג טויזנט".

א שטילקייט האט געהערשט אין די לופט. עס האט אויסגעזען אז דער ערשטער קווענקלט זיך צי ער אפלאזן די פארמעסט. אבער דעמאלטס האט זיך אין עק שול אויפגעשטעטלט איינער פון די נגידים, א שטילער און א צוריקגעצויגענער מענטש וואס ביז די מינוט האט ער אינגאנצן נישט א טייל גענומען אין די פארמעסט, און האט הויעך אויסגערופן: "איך בין גרייט צו דאפלען די סומע און באצאלן פופציג טויזנט דאללער!".

א שושקעריי פון איבערראשונג איז אריבער צווישן די אנוועזנדע, אבער דער מענטש האט צוגעלייגט ווען טרערן זענען אין זיינע אויגן:

"איין תנאי האב איך ביים קויפן: מיין טייערער זון, א חשובער יונגערמאן וואס האט חתונה געהאט פאר העכער זיבן יאר, האט נאכנישט זוכה געווען צו קינדער. איך בין גרייט ווי געזאגט באצאלן אויף די עליה פופציג טויזנט דאללער, אבער מיט א תנאי קודם למעשה, נאך וואס איך וועל עולה זיין, שטייענדיג נעבן די ספר תורה, וועט דער גבאי זאגן אין די אנוועזנהייט פונעם חשובן ציבור א 'מי שברך' אויף מיין זון מיט זיין פרוי זיי זאלן געהאלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים, און ווען ער וועט ענדיגן, וועט דער גאנצער עולם, כאיש אחד בלב אחד, זיך צושטעלן צו די ברכה און ענטפערן אמן".

פארשטייט זיך אז אלע האבן געשאקלט מיט די קאפ מיט גרויס פרייד אלץ א צייכן פון הסכמה. די צוגעלייגטע סומע פון פינף און צוואנציג טויזנט דאללער איז נישט קיין קלייניקייט, איבערהויפט אז עס רעדט זיך נישט פון א איבערגעטריבענע בקשה. דער גבאי האט אויסגערופן: "זכה לו!", און די לעצטע עליה איז פארקויפט געווארן.

דער בעל קורא האט אנגעהויבן ליינען, איינער נאכן צווייטן האבן עולה געווען די אלע נגידים וואס האבן זוכה געווען אין די עליות, און ווען מ'איז אנגעקומען צו די לעצטע עליה האט דער גבאי געדרייט מיט זיין שטימע ווען ער רופט אויף: "יעמוד ר' פלוני ב"ר פלוני", און דער מענטש האט עולה געווען.

נאכן ענדיגן ליינען, ווען דער נגיד האט געענדיגט די ברכה 'אשר נתן', האט געהערשט א שטילקייט אין שול, און דער גבאי האט געזאגט די 'מי שברך' אויף יענעם יונגערמאן, דער זון פון דעם נגיד, ווען אלע מתפללים הערן זיך צו. ביי די ענדע פון די 'מי שברך' האט דער גבאי זיך גע'חזנ'ט מיט זיין שטימע: "ונאמר 'אמן', און דער 'אמן' האט אפגעהילכט פון אלע מתפללים.

אין די לופט האט געהערשט א ספעציעלע רוחניות'דיגע אטמאספער, פלוצלינג האבן די צוהערער געשפירט די געוואלדיגע שטארקייט פון 'אמן' וואס זיי זאגן צענדליגער מאל יעדן טאג, ווען אלע זענען געווען זיכער אז אזא תפילה וועט זיכער אנגענומען ווערן.

עס איז איבעריג צו פארציילן, נאך בעפאר עס איז אריבער א יאר פון יענעם שבת, איז דער זון פון דעם נגיד געהאלפן געווארן מיט א קינד, נאך לאנגע יארן פון ווארטן. ויהי לפלא.

געהערט פון איינער פון די באטייליגטע

עיצובים shay